**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פאראָרדנט צו איבערארבעטן אפעראציעס פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג

***ארומנעמיגע רעקאמענדאציעס וועלן ברענגען אן ענדע צו אנגעהויפנטע לייסענסירונג פעלער, פארבעסערן קאמוניקאציעס און טראנספארמירן OCM אפעראציעס***

***באלדיגע שריט צו איינגעפירט ווערן צו רעפארמירן לייסענסירונג פראצעדורן און פארמערן אינפארסירונג קעגן אומלעגאלע געשעפטן***

***5 מיליאן דאלארדיגער גרענט פראגראם צו העלפן CAURD לייסענס האלטער***

***שטעלט אוועק קאנאביס אינפארסירונג איינהייט***

***איבערארבעט פאלגט נאך איבערבליק; געפינסן פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פאראָרדנט צו איבערארבעטן די אויסשטעל פון אפעראציעס פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM). די איבערארבעט פאלגט נאך די פארעפנטליכונג פון א 30-טאגיגע איבערבליק וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך א מאנשאפט פון יחידים אונטער די פירערשאפט פון די קאמישאנער פון די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services), דזשינעט מאָי, וואס האט אנגעוויזן אויף באדייטנדע סטרוקטורישע באגרעניצונגען צו די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג וואס האבן אפעקטירט די אגענטור'ס מעגליכקייט צו ערפילן איר פליכט צו ווירקזאמערהייט אויפשטעלן ניו יארק סטעיט'ס קאנאביס מארקעטפלאץ. די שאצונג מאכט ארומנעמיגע רעקאמענדאציעס זיך צו אפגעבן מיט די אנגעהויפנטע לייסענס אפליקאציעס און פארבעסערן קאמוניקאציע מיט אפליקאנטן און לייסענס האלטער — טראנספארמירנדיג די אפיס'ס קאפאציטעט צו אויסברייטערן זיכערע, לעגאלע קאנאביס אפעראציעס אריבער די סטעיט. באזירט אויף די געפינסן פון די איבערבליק, האט גאווערנער האקול אנאנסירט א סעריע פון באלדיגע שריט צו רעפארמירן די לייסענסירונג פראצעדורן און פארמערן אינפארסירונג קעגן אומלעגאלע געשעפטן. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון א 5 מיליאן דאלארדיגער גרענט פראגראם צו העלפן CAURD לייסענס האלטער, און זי האט אויך ארויסגעהויבן די עפענונג פון די קאנאביס אינפארסירונג איינהייט (Cannabis Enforcement Task Force) קומענדיגער וואך.

"מיר האבן פארשפראכן צו בויען די שטערקסטע, מערסט גערעכטע לעגאלע קאנאביס מארקעט אין דאס לאנד, און מיר אנאנסירן שריט וואס פעהלן שוין פון לאנג אויס צו מאכן ניו יארק'ס קאנאביס פראגראם ארבעטן ווי פארשפראכן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל באדאנקען קאמישאנער דזשינעט מאָי און איר מאנשאפט פאר זייער שווערע ארבעט און דורכגעטראכטע איבערבליק, און איך קוק ארויס צו

ארבעטן מיט די OCM צו איינפירן די באריכט'ס רעקאמענדאציעס און טראנספארמירן ניו יארק'ס קאנאביס אינדוסטריע."

די איבערבליק האט אנגעוויזן אויף באדייטנדע שטערונגען צו די אפיס'ס ווירקזאמע פראצעסירונג און באשטעטיגונג פון אפליקאנטן'ס לייסענסעס. אן די בעסטע מעגליכקייטן צו ערפילן איר ראלע מיט לייסענסירונג, טוהען די יחידים וועם דער פראצעדור איז אויסגעשטעלט צו העלפן אויסנוצן באדייטנדע מיטלען צו דורכשוויצן דעם פראצעדור, און זיי זענען עלול צו איבערגעלאזט ווערן פון הונטן. פארשפעטיגונגען אין די לעגאלע מארקעטפלאץ האבן געעפנט א לאך פאר אומלעגאלע געשעפטן זיך צו פארשפרייטן און ארויסשטופן CAURD לייסענס האלטער. די רעפארמען וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן שאפן מער קאפאציטעט צו פארשליסן אומלעגאלע געשעפטן און אונטערהייבן לעגאלע געשעפט אויפהאלטער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "די איינהייט צוזאמגעשטעלט פון מערערע אגענטורן וואס איז אויפגעשטעלט געווארן צו איבערקוקן די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג האט אידענטיפיצירט עטליכע שריט וואס די אגענטור קען אונטערנעמען זיך צו אפגעבן מיט די אנגעהויפנטע אפליקאציעס דורכן פארבעסערן קאמוניקאציע מיט אפליקאנטן און מאכן דעם אפליקאציע פראצעדור מער געשליפן. די פארשלאגן וואס זענען אויסגעלייגט געווארן אין די איינהייט'ס באריכט וועלן פארבעסערן די אפנקייט און עפענען קאמוניקאציע ליניעס אין דעם אפליקאציע פראצעדור, בשעת'ן פארשטערקערן די סטעיט'ס באמיאונגען צו ערפילן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו גערעכטיגקייט אין ניו יארק'ס קאנאביס מארקעט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופּעראינטענדענט, סטיווען ג. דזשעימס, האט געזאגט,** "די האנדל פון אומלעגאלע קאנאביס שטעלן צו די סופליי פאר אומלעגאלע געשעפטן וואס האבן ארויסגעשפראצט אריבער די סטעיט, שטערנדיג די רעגולירטע מארקעט און פירנדיג צו אנדערע פראבלעמען. די סטעיט פאליציי וועט ארבעטן מיט אירע שותפים צו ציהלן אויף די וועלכע ברענגען אריין אומלעגאלע קאנאביס צו ניו יארק, אפשטעלן זייער אפעראציע און זיי האלטן פאראנטווארטליך אויף ווי ווייט דער געזעץ ערלויבט."

**איינפירן רעקאמענדאציעס און אננעמען א נייע לייסענסירונג סטראטעגיע**
גאווערנער האקול האט אנאנסירט א סעריע פון באלדיגע שריט צו אנהויבן די איבערארבעט פון די OCM, אדרעסירן אומלעגאלע קאנאביס אינפארסירונג און ארויפשטעלן ניו יארק'ס קאנאביס אינדוסטריע אויף די רעלסן צו הצלחה. די שריט רעכענען אריין:

- אוועקשטעלן אן אינפארסירונג איינהייט צו פארשליסן אומלעגאלע קאנאביס ריטעיל געשעפטן.
- פאררעכטן דעם אינערליכן לייסענסירונג פראצעדור און זיך אפגעבן מיט אנגעהויפנטע אפליקאציעס פאר ריטעיל געשעפטן וואס זענען געווען פארלאנגט צו אפלייען נאכן האבן קאנטראל אויף זייער לאקאציע.
- זיך פארפליכטן צו אוועקשטעלן אן אפמאך איבער די סערוויס שטאפלען (service-level agreement, SLA) וואס זענען ערווארטעט פון די אגענטור צו ערלויבן פאר ריטעיל לייסענס אפליקאציעס צו פארענדיגט ווערן ביז 90 טעג אין צוקונפטיגע אפליקאציע תקופות.
- שאפן נייע כלים פאר קאמוניקאציע, אריינרעכענענדיג פארעפנטליכן נייעסן איבער רעגולאציע און עפנטליכע אינפארמאציע 'דעשבאורדס' צו פארבעסערן קאסטומער סערוויס.

- עפענען די OCM קאנאביס מאפע צו פארבעסערן די אפנקייט ארום לייסענסירטע ריטעיל לאקאציעס אין זומער פון 2024.
- צולייגן איינגעשטעלטע צו לייסענסירונג, געזעץ אויספאלגונג און אינפארסירונג מאנשאפטן.
- פארשטערקערן די יסודות און פארוואלטונג פון די אגענטור, אריינרעכענענדיג מיטן אויפנעמען מענטשן פאר הויכראנגיגע פאסטנס אין קאסטומער סערוויס, אינערליכע קאנטראלירונג און איבערבליק און אפעראציעס.
- אויפקומען מיט א 5-יאריגע סטראטעגישע פלאן פאר די אפיס.

**צושטעלן נאך געלט מיטלען פאר יוסטיץ סיסטעם-פארפלאנטערטע לייסענסירטע**
די סטעיט וועט אוועקשטעלן א נייער פראגראם צו צושטעלן פינאנציעלע שטיצע פאר CAURD לייסענס האלטער וועלכע האבן פארזיכערט זייערע אייגענע ריטעיל לאקאציעס. אנערקענענדיג די פארשפעטיגונגען וואס CAURD אפליקאנטן זענען אויסגעשטאנען אויף זייער וועג צו עפענען זייערע ביזנעסער – אריינרעכענענדיג די פארשפעטיגונגען וואס זענען פאראורזאכט געווארן צוליב פריוואטע לעגאלע שריט וואס האבן אפגעשטעלט דעם CAURD פראגראם אויף א באדייטנדן פארנעם ביז דעצעמבער 2023 – וועט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD), ארבעטנדיג פון די נאענט צוזאמען מיט איינגעשטעלטע פון די OCM, מאכן א 5 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג קאסע צו פארטיילט ווערן פאר בארעכטיגטע CAURD לייסענס האלטער אין פארעם פון 'מייקראָו-גרענטס'.

די איינמאליגע פארפליכטונג פון פינאנצירונג, וואס וועט קומען אן ערווארטונג צו צוריקגעצאלט ווערן אויב עס ווערט גענוצט פאר בארעכטיגטע צוועקן, וועט ערמעגליכן בארעכטיגטע CAURD לייסענס האלטער וועלכע האבן א לייסענס און האבן זיך פארזיכערט א לאקאציע צו באקומען אן איינמאליגע גרענט אלס צוריקצאלונג פאר געוויסע בארעכטיגטע ערשטיגע קאסטן וואס זיי האבן געדארפט צאלן.

אין די קומענדיגע חודשים וועט די ESD אויפנעמען אן אנפירער פאר דעם פראגראם. מיט די טריט וועט די סטעיט פאראויס שטופן איינס פון די צענטראלע ציהלן פון ניו יארק'ס קאנאביס פראגראם: פארזיכערן די באטייליגונג אין די נייע אינדוסטריע פון מענטשן וועלכע זענען באטראפן געווארן מער פון אנדערע דורך די קאנאביס פארבאט.

נאך אינפארמאציע איבער דעם פראגראם וועט מיטגעטיילט ווערן מיט לייסענס האלטער דורך די OCM ווי נאר עס קומט ארויס.

**אוועקשטעלן די קאנאביס אינפארסירונג איינהייט**
גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז די קאנאביס אינפארסירונג איינהייט וועט זיך עפענען קומענדיגער וואך. די איינהייט, אנגעפירט דורך די סטעיט פאליציי פירסט דעפיוטי סופעראינטענדענט, איז א גרויסארטיגע סטעיט-ברייטע אונטערנעמונג צו קאארדינירן איינגעשטעלטע פון עטליכע אגענטורן צו באקעמפן די אומלעגאלע קאנאביס מארקעט. און דורך צוזאמענארבעט צווישן די סטעיט פאליציי, OCM, לאקאלע געזעץ אינפארסירונג און אנדערע סטעיט אגענטורן, וועט די איינהייט זיין גוט אויסגעשטאט זיך צו ספראווען מיט די פולע פארנעם פון אומלעגאלע קאנאביס אקטיוויטעט. די OCM וועט אויך פירן א שטארקע ציווילע אינפארסירונג אונטערנעמונג מיט מער פון 150 אינספעקטארס פון די OCM, די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Taxation and Finance) און אנדערע סטעיט אגענטורן איבערגעגעבן צו פארשליסן וויפיל אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן ווי נאר מעגליך אין לויף פון די קומענדיגע 90 טעג. אלע אומלעגאלע געשעפטן אריבער די סטעיט קענען

ערוואַרטן צו אינספּעקטירט און פיזיש פאַרשלאָסן ווערן אויב זיי ווערן געפונען צו שטעלן אַ באַלדיגע געפאַר צו געזונטהייט און זיכערהייט.

די איינהייט וועט אַרויסשיקן מאַנשאַפטן פון פאָרשער און אַנאַליסטן אַריבער די סטעיט אין אוועקגעשטעלטע אָפּעראַציעס צו זיכער מאַכן אַז יעדע אומלעגאַלע קאַנאַביס געשעפט ווערט אינספּעקטירט און פאַרשפּאַרט. סטעיט פּאָליציי וועלן פירן די קרימינאַלע אינפאָרסירונג אונטערנעמונג ציהלנדיג קאַנאַביס האַנדל און די גרויסאַרטיגע קרימינאַלע קערפּערשאַפטן וואָס זענען אַחריות אויף די פּראָדוקטן וואָס ווערן געפונען אין די אומלעגאַלע געשעפטן. דורך די באַנוץ מיט מיטלען ווי די ספּעציאַליזירטע אינפאָרסירונג איינהייטן קעגן געוואַלדטעטיגע באַנדעס ('גענגס') און דראַג האַנדל, וועט די סטעיט פּאָליציי דורכפירן אָפּעראַציעס צו כאַפּן און אַנקלאַגן די בייזוויליגע עלעמענטן. די איינהייט וועט אויך אַרבעטן מיט לענדלאָרדס צו העלפן אַרויסוואַרפן אומלעגאַלע געשעפטן און אַרבעטן צו גיבן קנסות פאַר לענדלאָרדס וואָס נעמען נישט אונטער שריט צו אַרויסוואַרפן טענאַנטס נאָך זיי ווערן געוואויר אַז די טענאַנטס האַלטן אויף אומלעגאַלע געשעפטן.

די רעפאָרמען וועלן נאָר זיין ערפאָלגרייך מיט שטאַרקע אינפאָרסירונג מאַסנאַמען און אַן אַגרעסיווע אונטערנעמונג צו פאַרשליסן די אומלעגאַלע מאַרקעטפּלאַץ.

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באַקומען די לעצטע נייעס פון די גאָווערנער'ס אָפּיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אַרויסשרייבן